# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

תולדות

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

2024 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה
ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע
אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# תוכן הענינים

## פרשת תולדות


שויתי ה' לנגדי תמיד - אויב דער 'שוית'ניק' איז נישט דאָ, קען מען נישט מצליח זיין ........... ב

ויעתר יצחק - שעם זיך נישט צו דערציילן אַז די גייסט בקרוב זוכה זיין צו אַ נס ........... ט

משמרתי ותורותי - דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאָל טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן ........... טו



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד:**

shwrtz@bezeqint.net

# פרשת תולדות

**שויתי ה' לנגדי תמיד - אויב דער 'שוית'ניק' איז נישט דאָ, קען מען נישט מצליח זיין**

'**בשמוע** עשו את דברי אביו ויצעק צעקה גדולה ומרה עד מאד, ויאמר לאביו ברכני גם אני אבי, ויאמר בא אחיך במרמה ויקח ברכתך, ויאמר הכי קרא שמו יעקב וגו' ויאמר הלא אצלת לי ברכה. ויען יצחק ויאמר לעשו, הן גביר שמתיו לך ואת כל אחיו נתתי לו לעבדים ודגן ותירוש סמכתיו ולכה איפוא מה אעשה בני, ויאמר עשו אל אביו הברכה אחת היא לך אבי ברכני גם אני אבי, וישא עשו קולו ויבך. ויען יצחק אביו ויאמר אליו, הנה משמני הארץ יהיה משובך ומטל השמים מעל' (כז, לד-לט).

**ווען** מ'לערנט די פסוקים, וואונדערט מען זיך, פאַרוואָס האָט יצחק צום ערשט זיך אָפּגעזאָגט צו בענטשן עשו'ן? דריי מאָל האָט עשו זיך געבעטן צו זיין טאַטן, און יצחק האַלט זיך ביי זיינעם, נישט צו בענטשן עשו'ן, און נאָר צום סוף האָט ער מסכים געווען און איהם געבענטשט 'משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל'. פאַרוואָס האָט יצחק זיך שפּעטער באַרעכנט, און צום סוף איהם יאָ געבענטשט?

**אויך** פרעגט דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע, אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן (תנא דבי אליהו רבה, כד) אַז עשו האָט זוכה געווען צו אַלע טובות אין זכות פון דעם וואָס ער האָט געוויינט. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען אָנגעהאַנגען אַלע זיינע טובות אין די טרערן, און נישט אין די ברכה וואָס יצחק אבינו ע"ה האָט איהם געבענטשט, 'הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל'.

**אויך** דאַרף מען פאַרשטיין וואָס יצחק האָט געזאָגט, 'הנה משמני הארץ' וגו'. דאָס וואָרט 'הנה' איז לכאורה איבעריג. עס וואָלט געווען גענוג צו זאָגן 'משמני הארץ יהיה מושבך'.

**ענטפערט** דער 'אלשיך' הקדוש, חז"ל זאָגן (תנחומא ויחי, ו) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט בענטשן יוסף'ס צוויי זין מנשה און אפרים, און די שכינה האָט זיך אָפּגעטוהן פון איהם, ביז ער האָט געזאָגט 'מי אלה' (בראשית מח, ח), וואָס רש"י טייטשט, 'מהיכן יצאו אלו שאינם ראוים לברכה'. זעהען מיר פון דאָ, אַז די אבות הקדושים האָבן נישט געקענט משפיע זיין די ברכה פון זיך אַליין, און מיט זייער אייגענעם כוח, נאָר אַלעס איז געווען פון דעם אויבערשטען, און דורך די אבות איז געקומען די שפע און עס האָט חל געווען אויף דעם געבענטשטן.

**זאָגט** דער 'אלשיך' הקדוש, אַז צוליב דעם טעם האָט יצחק אבינו ע"ה נישט געוואָלט בענטשן עשו'ן, און עס האָבן איהם נישט געהאָלפן זיינע געשרייען און תחנונים, ווייל 'כאַטש יצחק האָט איהם געוואָלט בענטשן, אָבער דער אויבערשטער האָט נישט מסכים געווען דערצו', וויבאַלד דער רשע עשו איז נישט געווען ראוי צו די ברכה. אין אָנהייב האָט עשו געמיינט אַז יצחק בענטשט איהם נישט ווייל ער האָט שוין געגעבן די ברכות פאַר יעקב, און ווענן דעם האָט ער געשריגן פון כעס, נו, וואָס איז אַז דו האָסט שוין געבענטשט יעקב'ן, 'הברכה אחת היא לך אבי?'.

**אויך** האָט עשו גע'טענה'ט, אויב דו ווילסט מיך נישט בענטשן, ביזטו דאָך מיין טאַטע, און 'ברכני גם אני אבי'. יצחק האָט אָבער ווייטער געשוויגן, ווייל ער האָט איהם נישט געקענט בענטשן וויבאַלד דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט בענטשן עשו'ן, און ווען עשו האָט געזעהן אַז יצחק האַלט זיך ביי זיינס, האָט ער ענדליך פאַרשטאַנען אַז דאָס ווענדעט זיך נישט אין יצחק, נאָר עס איז בלויז אין די הענט פון דעם אויבערשטען[א], און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'וישא עשו קולו ויבך', און ער האָט זיך געבעטן ביי דעם אויבערשטען אַז ער זאָל מסכים זיין צו זיין ברכה.

**א.** דער 'מי השילוח' שרייבט (פ' מקץ, ד"ה 'ויהי'), אויפ'ן פסוק אין תהלים (ל, ו) 'בערב ילין בכי ולבוקר רנה', אז דער פסוק איז מרמז אויף יוסף הצדיק, ווייל ביינאַכט האָט פרעה געזעהן אין שלאָף זיין חלום, און באַלד צומאָרגענס אינדערפרי איז יוסף באַפרייט געוואָרן פון תפיסה.

דער 'אלשיך' הקדוש פירט אוים: און וויבאלד די טויערן פון טרערן זענען נישט קיינמאָל נישט פאַרמאַכט געוואָרן, האָט די שכינה מסכים געווען משפיע צו זיין אויף איהם אַ ברכה.

לויט דעם איז פאַרענטפערט פאַרוואָס דער פסוק זאָגט 'הנה' משמני הארץ וגו', ווייל 'הנה' איז פון לשון צוגרייטן, און יצחק האָט געמיינט צו זאָגן צו עשו: די טרערן וואָס דו האָסט פאַרגאָסן פאַר דעם אויבערשטען, זיי האָבן צוגעגרייט דיין ברכה אַז 'משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל'.

פון דעם אַלעם לערנען מיר, אַז דער מענטש קען נישט געבן עפּעס פאַר זיין חבר, צו טוהן גוטס מיט איהם אָדער פאַרקערט, אויב דער אויבערשטער וויל נישט עס זאָל אַזוי זיין. 'מי לנו גדול', מיר האָבן דאָך נישט

---

זאָגט דער 'מי השילוח' א וואונדערליכע זאך: פון די גרויסע ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט צו אידישע קינדער, **ברענגט ער אויפ'ן מענטש אַ מורא'דיגן געשריי איידער עס קומט די ישועה, אַז דאָס האַרץ פונעם מענטש זאָל דורשטן צו די ישועה.**

שרייבט ער, אין משך פון די גאַנצע 12 יאָר וואָס יוסף הצדיק איז געווען איינגעשפאַרט אין תפיסה האָט ער נישט געהאַט אַזוי פיל צער, אָבער יענע נאַכט האָט ער זייער שטאַרק געוויינט אויף זיין ביטערן גורל. ער האָט זיך דערמאָנט פון די פאַרגעניגענס וואָס ער האָט גענאָסן ווען ער האָט זיך געפונען ביי זיין טאַטן אין הויז, און יעצט, ווען ס'איז געווען אַ בחינה פון 'ענו בכבל רגלו', האָט יוסף מתפלל געווען און געוויינט, ווי לאַנג וועל איך דאַרפן ליידן אַזוי פיל צער? צומאָרגענס נאָך זיין תפילה, איז יוסף געהאָלפן געוואָרן, ווייל דער אויבערשטער שיקט אַמאָל ספּעציעל אַ געשריי פאַר די ישועה וכו', עיי"ש.

לערנען מיר דאָ אַ מורא'דיגן לימוד, אַז ווען עס קומט די צייט אַז אַ איד זאָל געהאָלפן ווערן און אויסגעלייזט ווערן פון זיין צער, פירט ער איהם אַריין אין אַ קלעם, אַז ער זאָל זיך געפינען אין אַן אומדערטרעגליכן מצב ח"ו, און דאָס אַלעס, **כדי ער זאָל מתפלל זיין און שרייען צו דעם אויבערשטען, און באַלד נאָך זיין געשריי העלפט איהם דער אויבערשטער און ער נעמט איהם אַרויס פון די צרה.**

עס ווערט דערציילט, אז הרה"ק רבי מאיר'ל אַפּטער זי"ע, דער מחבר פון הייליגן ספר 'אור לשמים', איז אין די ערשטע יאָרן נאָך די חתונה געווען זייער אָרים ל"ע. ס'האָבן געקענט פאַרבייגיין עטליכע טעג, וואָס ער און זיינע בני בית האָבן ממש געהונגערט פאַר אַ שטיקל ברויט.

אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז די רעביצין האָט באַקומען אַביסל שפּייז צוצוגרייטן אַ 'סיריעל', אָבער צוליב זייער גרויסע אָרימקייט האָט זי אַפילו נישט געהאַט אין הויז אַ טאָפּ אָנצוגרייטן דאָס געקעכטס, און זי האָט געבאָרגט פון אַ שכנה, אַ טאָפּ אָפּצוקאָכן דעם 'סיריעל'.

נישט לאַנג דערנאָך, נאָך איידער איר הייליגער מאַן, דער 'אור לשמים', איז אַהיימגעקומען פון ביהמ"ד, האָט שוין די שכנ'טע צוריקגעבעטן איר טאָפּ, אָבער וויבאַלד אין הויז איז נישט געווען אַפילו איין טעלער אַריפּצוליייגן דערויף דאָס געקעכטס ביז דער 'אור לשמים' וועט אַהיימקומען פון בית המדרש, האָט די רעביצין געבעטן די שכנ'טע, זי זאָל איר אַ טובה טוהן און צוואַרטן ביז איר מאַן וועט אַהיימקומען פון שול. די שכנ'טע האָט אָבער נישט מסכים געווען צו וואַרטן, און ווען זיי האָבן זיך אַרומגע'טענה'ט, איז דער טאָפּ אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און דאָס געקעכטס איז קאַליע געוואָרן. ס'איז ממש נישט געווען צו נעמען אין מויל... האָט די רעביצין אויסגעבראָכן אין אַ שרעקליכן געוויין, איבער איר ביטערן מצב, מיט די שרעקליכע אָרימקייט אין וועלכער זיי לעבן שוין אַ לענגערע צייט.

אינצווישן, איז איר הייליגער מאַן, דער 'אור לשמים', אַהיימגעקומען פון בית המדרש, און זעהענדיג ווי די רעביצין איז פאַרוויינט, האָט ער איר געפרעגט פאַרוואָס איר פנים איז אַזוי פאַרטרערט. האָט די רעביצין איהם דערציילט אַלעס וואָס ס'האָט פּאַסירט. האָט דער 'אור לשמים' איר געשטאַרקט, זאָגנדיג:

- דאָס איז אונזער לעצטער נסיון. פון היינט און ווייטער, וועלן מיר שוין עסן אין זילבערנע טעלערס און שיסלען...

אַ קורצע צייט שפּעטער, איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון די ראשי הקהל פון דער שטאָט סטאַבניץ אין פּוילן, איינצולאַדן רבי מאיר'ל צו ווערן זייער מרא דאתרא, און אינעם ערשטן יום טוב פסח, האָט איינער פון די רייכע לייט אין שטאָט געבערענגט אַ מתנה פאַר דעם נייעם רב, אַסאַך זילבערנע כלים... (געבערענגט אין ספר 'גדולת הצדיקים', ערכו של הרה"ק רבי מאיר מאפטא זי"ע).

גרעסערס פון אונזערע הייליגע אבות יצחק און יעקב, און אויך זיי האָבן נישט געקענט בענטשן, אויב דער אויבערשטער האָט נישט מסכים געווען דערצו.

ממילא, האָט עס נישט קיין פשט זיך צו חנפ'ענען און 'אינוועסטירן' אין אַ בשר ודם וואָס איז הילפלאָז, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ב, כב) 'חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה נחשב הוא'. און אויך זאָגט דער פסוק (תהלים קמו, ג) 'אל תבטחו בנדיבים, בבן אדם שאין לו תשועה'[ב].

עס איז נישט פאַרהאַן קיין שום סיבה מורא צו האָבן פאַר קיין שום מענטש אויף דער וועלט, ווייל אַ מענטש קען נישט טוהן קיים זאך אָן דעם רצון ה'.

---

**ב.** די שטאָט סלאָנים אין ליטע, איז געווען באַרימט אַלס אַן 'עיר ואם בישראל', און האָט שטאָלצירט מיט איר מרא דאתרא, דעם באַקאַנטן גאון רבי אייזל חריף זצ"ל.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אַסאַך קהילות אין אַנדערע שטעט, האָבן געלעכצט 'זוכה צו זיין' אין דעם 'חזן' וואָס האָט געדאַוונט אין סלאָנים אין די ימים נוראים, און מ'פלעגט אַפילו אָנבאָטן אַ דאָפּלטן געהאַלט ווי די סומע וואָס ער האָט באַקומען אין סלאָנים. דאָס האָט גורם געווען, אַז די ראשי הקהילה פון סלאָנים זאָלן יעדעס יאָר דאַרפן זוכן אַ נייעם בעל תפילה וואָס זאָל זיין ראוי און פּאַסיג פאַר די עבודת הקודש.

איין יאָר, ווען מ'האָט שוין נישט געפונען צווישן די שטאָט-לייט עמיצן וואָס זאָל זיין פּאַסיג פאַר דער הייליגער אויפגאַבע, האָבן זיי געטראָפן נאָר אַן עלטערן איד וואָס איז שוין געווען פיזיש שוואַך און מ'האָט קוים געקענט הערן זיין שטימע. זיין גאַנצע מעלה איז געווען אַז ער האָט געקענט אַביסל 'נוסח', און בלית ברירה, איז דער עלטערער איד געוואָרן אויסגעוויילט אַלס שליח ציבור אין די ימים נוראים. דאָ האָבן אָבער עטליכע ראשי הקהילה זיך אָנגערופן, אַז אַלס אַ 'תנאי קודם למעשה', דאַרף דער זקן אונטערשריבן אויף אַ 'קאָנטראַקט', אין וועלכן ער וועט זיך פאַרפליכטן אַז אין די קומענדיגע צען יאָר, זאָל ער בלייבן אויף דעם הייליגן פּאָסטן, און ער וועט עס נישט פאַרלאָזן אַפילו אין אויסטויש פאַר אַ דאָפּלטן געהאַלט.

ווען דער רב פון שטאָט, דער גאון רבי אייזל חריף זצ"ל, האָט געהערט וועגן דעם 'תנאי' וואָס זיי האָבן זיך אויסגענומען מיט דעם זקן, האָט ער זיך שטאַרק צעשמייכלט. ווען מ'האָט איהם געפרעגט 'לשחוק מה זה עושה', האָט רבי אייזל חריף געענטפערט: איר דערמאַנט מיך אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט דרייסיג יאָר צוריק, ווען איך בין געוואָרן רב דאָ אין שטאָט. עס איז דאַן געווען זייער ענג אינעם בית החיים, האָט די הנהלה פון די 'חברה קדישא' מקדש געווען אַ נייַ שטיקל פעלד צו דינען אַלס 'בית החיים'. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן, ווייל קיינער האָט נישט געוואָלט לייגן דאָרט זייערע נאָענטע, ווייל יעדער וויל דאָך ליגן נעבן זיין משפּחה, קבר אבות וכו'.

האָבן די 'חברה קדישא' געמאָלדן אַז מ'וועט באַלוינען מיט טויזנט גילדן די משפּחות וואָס וועלן זיין פון די 'עשרה ראשונים', צו באערדיגט ווערן אין די נייע בית החיים, אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן.

יענעם יאָר ערב פסח, האָט איינע פון די שטאָט לייט וועלכער איז ליידער געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און האָט נישט געהאַט קיין געלט פאַר די צרכי החג, מצה, מרור, 'כורך' און 'שולחן עורך', גוזאָגט צו זיין בני בית, אַז אָן קיין ברירה, וועט ער זיך מאַכן ווי ער איז שוין געשטאָרבן און מ'וועט אַריבערורפן די 'חברה קדישא', און מ'וועט דערביי מאַכן דעם אָנשטעל אַז מ'קלאָגט און מ'וויינט אויף דעם 'פאַרלוסט' אין די משפּחה... זי זאָלן פּרובירן מאַכן דעם איינדרוק ווי אַ צובראָכענע אלמנה... דאַן וועט די 'חברה קדישא' איהם פירן צום נייעם בית החיים, אין אויסטויש פאַר טויזנט גילדן, און פון דעם געלט וועלן זיי האָבן גענוג אויף די פילע הוצאות פונעם יום טוב, און זיי וועלן אַפילו קענען אָפּצאָלן כאָטש אַ העלפט פון די חובות וואָס הויערן אויף זייערע פּלייצעס. 'דערנאָך וועל איך שוין געפינען אַ וועג אַרויסצוקריכן פונעם קבר וואו מ'וועט מיך באַהאַלטן'... האָט דער מאַן גוזאָגט.

אויפ'ן ערשטן אויגנבליק, האָט די פרוי איהם אָנגעקוקט ווי ער וואָלט אַראָפּ פון זינען ל"ע. צי האַלטן מיר טאַקע אין אַזאַ מדריגה, אַז 'הכסף יענה את הכל'... אָבער 'מה שלא יעשה השכל, יעשה הזמן'. ס'איז שוין געווען געציילטע טעג ביפאר יו"ט, און דאָס הויז איז געווען ליידיג... אַפילו איין קאַרטאָפל האָט זיך נישט געפונען אין הויז. האָט די פרוי מסכים געווען צו די עצה פון איר מאַן, און ביז אַ קורצע צייט האָט זיך גע'רעש'ט אין שטאָט מיט דער פלוצלינגדיגער 'פּטירה' פון אַזאַ יונגען מענטש וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ יונגע אלמנה מיט קליינע יתומים.

ווען די 'חברה קדישא' איז אָנגעקומען אין הויז, האָבן זיי געזעהן ווי די 'אלמנה' וויינט און קלאָגט אויף איר מאַן וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט רח"ל אַזוי פלוצלינג. נאָך אַ 'דין ודברים' מיט די חברה קדישא לייט, האָט

זיך מסכים געווען צו באַגראָבן איר מאַן אויפ'ן נייעם בית החיים, מיט אַ 'תנאי קודם למעשה', אַז דער גאַנצער סכום פונעם געלט זאָל אויסגעצאָלט ווערן נאָך היינטיגן טאָג, איידער מ'הייהט אן די 'לויה'. די חברה קדישא לייט האָבן איר דערלאַנגט די טויזנט גילדן, און מ'האָט אַרויסגענומען די מטה מיט איר מאַן איהם צו באַגראָבן אין די נייע 'חלקה' פונעם בית החיים.

דער וועג צום נייעם בית החיים איז געווען לענגער ווי דער וועג צום אַלטן בית החיים, און דעריבער, ווען זיי זענען פאַרביי געגאַנגען אַ קרעטשמע, זענען זיי דאָרט אַריינגעגאַנגען כדי זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַביסל 'משקה'. האָט דער 'מת' אויסגענוצט דעם שעת הכושר, און ער איז אַנטלאָפן... אַרויסקומענדיג פון די קרעטשמע, זענען די 'חברה קדישא' לייט געווען ערשטוינט צו זעהן דעם נס פון 'תחיית המתים', וואָס האָט דאָ פּאַסירט... 'הילד איננו'...

אַ צייט שפּעטער, איז (באמת) געשטאָרבן איינע פון די שטאָט-לייט, און אויך אין יענעם פאַל, האָט די אַרימע משפּחה מסכים געווען צו לייגן זייער נפטר אויפ'ן נייעם בית החיים, און אויך זיי האָבן געבעטן און באַקומען די טויזנט גילדן אין פאָראויס, אָבער די חברה קדישא האָט שוין דאָס מאָל געוואָלט היטן דעם 'נפטר' פון יעדן מעגליכן 'אַנטלויף'... דעריבער, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין די קרעטשמע, האָבן זיי צוגעבונדן מיט דיקע שטריק די הענט און פיס פון דעם נפטר צום בעט, און דאָס בעט האָבן זיי צוגעבונדן צו די ווענט פונעם הויז, כדי ער זאָל נישט קענען 'אַנטלויפן'...

האָט איינע פון די חברה קדישא לייט זיך אנגערופן: אוי, שוטים וואָס איר זענט, דעם נפטר טוט איר צובינדן... עס פעהלט נישט אויס, ער איז דאָך טאַקע טויט ל"ע. ער קען זיך נישט רירן, און אַוודאי קען ער נישט אויפשטיין און אַנטלויפן, דער נפטר וועט שוין נישט אויפשטיין נאָר ביי תחיית המתים... איר האָט ענדערש געדאַרפט צובינדן דעם ערשטן 'נפטר'...

און רבי אייזל חריף האָט אויסגעפירט מיט זיין שאַרפקייט, צו די ראשי הקהילה וואָס האָבן געוואָלט 'צובינדן' דעם אַלטן בעל תפילה מיט אַ 'קאָנטראַקט' אַז ער וועט נישט אַנטלויפן פאַר די קומענדיגע צען יאָר: שוטים, דעם האַיאָריגן חזן ווילט איר צובינדן מיט אַ 'קאָנטראַקט' אַז ער וועט נישט אַנטלויפן... ער איז דאָך אַזוי ווי יענער נפטר וואָס קען שוין נישט אַנטלויפן אין קיין שום אָרט, ווייל אַנדערע קהילות ווילן איהם נישט האָבן... זיינע פאָרגייער, די פריערדיגע חזנים ביי אונז אין די קהילה, האָט איר געדאַרפט צובינדן... זיי האָבן געהאַט אַ זיס קול, זיי זוכט מען צו האָבן אַלס חזנים אין אַנדערע שטעט...

דער לימוד פון די מעשה איז, עס זענען דאָ מענטש וואָס טוהען 'צובינדן' מיט אַלע כוחות זייער 'פּרנסה', אַז עס זאָל נישט אַנטלויפן פון זיי, און עס זענען דאָ מענטשן וואָס זאָרגן אייביג צו מאַכן 'פאַרבינדונגען' מיט דעם 'באָס', אַז ער זאָל נישט אַנטלויפן פון זיי, אָדער ער זאָל זיי נישט פאַרשיקן... זיי האָבן מורא אַז ער וועט זיי אַוועקשיקן, און צוליב דעם טוהען זיי זיך חנפ'ענען צו איהם און לייגן אַריין אַסאַך כוחות כדי זיך 'צוצובינדן' צו איהם.

**דאָס זעלבע איז מיט אַלע אַנדערע ענינים, וואו מענטשן וויל מאַכן 'קשרים' מיט עסקנים א.ד.ג... דאַרף מען וויסן, אַז זיי זעהן אויס פונקט ווי יענע חברה קדישא לייט וואָס האָבן צוגעבינדן דעם 'נפטר'. די פרנסה וואָס איז באַשטימט פאַר דיר וועט דאָך סיי-ווי דיר דערגרייכן, און דער 'באָס' איז נישט מער ווי אַ שליח פון הימל, און ער קען אייך נישט טוהן שלעכטס אַפילו מיט איין פרוטה... דו דאַרפסט זיך ענדערש צובינדן אינעם דעם לעבעדיגן באַשעפער, 'חי העולמים', אין איהם דאַרף מען 'אינוועסטירן', ווייל אַלעס קומט פון איהם.**

ענליך דערציילט מען אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין אַ שטעטל. דאָרט האָט אויסגעבראָכן אַ שווערע אָנשטעקיגע מגיפה ל"ע, און אַלע שטאָט-לייט זענען געלאָפן צום שטאָטישן דאָקטאָר, וועלכער איז ב"ה געווען אַ גרויסער מומחה און האָט זיי געהיילט, ביז אויך דער דאָקטאָר איז צום סוף געוואָרן אָנגעשטעקט ל"ע און ס'איז מער נישט געווען ווער עס זאָל זיך אָפּגעבן צו היילן די קראַנקע לייט פון שטאָט. האָבן עסקנים געברענגט אַ דאָקטאָר פון אַן אַנדערע שטאָט, ווייל מ'קען דאָך נישט איבערלאָזן אַן 'עיר ואם' זאָל זיך פּלאָגן מיט די מגיפה. צום גרויסן ווייטאָג, האָט יענער דאָקטאָר אָבער נישט געקענט אויסהיילן אַלע אָנגעשטעקטע פון די מגיפה, ווייל זיי זענען געווען צופיל, ממש 'איבער זיינע כוחות'.

האָבן עסקנים זיך אַוועקגעזעצט צו טראַכטן אַן עצה וואָס צו טוהן אין אַזאַ עת צרה. האָט איין קלוגער איד זיך אָנגערופן: שוטים, לאָמיר שיקן דעם נייעם דאָקטאָר צום הויז פון דעם שטאָטישן דאָקטאָר, און ווען ער וועט

ווערן אויסגעהיילט, וועלן מיר פאַרדינען 'דאָפּלט', ווייל דאַן וועלן מיר האָבן דאָ צוויי דאָקטוירים, און ס'איז דאָך זיכער אַז 'טובים השנים מן האחד'...

דער לימוד פאַר אונז פון די 'מעשה': אַ מענטש דרייט זיך אַרום מיט אַ לאַנגע ליסטע פון 'פּראָבלעמען'. ער איז פאַרפּלאָנטערט אין חובות און די בעלי חובות לאָזן איהם נישט צורוה. ער אָדער זיינע קינדער פּלאָגן זיך מיט שידוכים. דאָ איז ער פאַרפּלאָנטערט מיט שותפים, און דאָרט מיט שכנים. דער בחור האָט פּראָבלעמען מיט זיין 'משגיח', דער יונגערמאַן - מיט'ן שווער, אָדער... עס ברענט אַ 'פייער' צווישן דעם 'באָס' און זיינע אַרבעטער... יעדער איינער מיט זיין ווייטאָג, אָבער אויב דער מענטש האָט שכל, גיט ער זיך אָפּ צו **היילן דעם 'דאָקטאָר'** זעלבסט. דאָס הייסט, ער זאָל **שטאַרקן די אמונה אין זיין האַרץ** און דאַן וועלן ממילא אויסגעהיילט ווערן אַלע זיינע ווייטאָגן, ווייל ווען ער וועט פאַרשטאַרקן און באַפעסטיגן זיין אמונה, וועט ער קוקן אויף דער גאַנצער וועלט מיט אַנדערע 'ברילן'. ער וועט אויפהערן טענה'ן און זיך באַקלאָגן אויף די גאַנצע וועלט, און ער וועט פאַרשטיין, אַז קיינער קען נישט רירן אַפילו מיט'ן קליינעם פינגער, אויב דער אויבערשטער האָט נישט באַפוילן אַז עס זאָל אַזוי זיין... דאַן גייט אַרויס די גאַנצע 'לופט' פונעם 'באַלאַן' וואָס ער האָט אַליין אויפגעבלאָזן אין זיין דמיון.

**די הויפּט עבודה פון אַ איד אויף דער וועלט, איז איינצוואָרצלען די אמונה, אַז עס זאָל אַריינדרינגען אין זיין האַרץ.**

הרה"ח רבי איטשע עפראָן ז"ל, דער שווער פון דעם גאון רבי יוסף דוב הלוי זצ"ל אבד"ק בריסק, בעל 'בית הלוי', איז געווען אַ חסיד פון הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע.

אַמאָל איז דער הייליגער קאָברינער זי"ע געקומען אויף אַ באַזוך אין דער שטאָט וואו רבי איטשע האָט געוואוינט, און איז איינגעשטאַנען ביי איהם אין הויז. ר' איטשע, וועלכער איז געווען אַ 'מבין' אויף זיין איידים'ס גרויסקייט, האָט זייער געוואָלט צוזאַמענפירן זיין איידים מיט'ן רבי'ן, דעם קאָברינער, און צוליב דעם האָט ער איבערגעלאָזט אַ פעקל מיט זאַכן וואָס האָבן באַלאַנגט צום קאָברינער, אין דעם צימער וואו דער 'בית הלוי' האָט געלערנט.

ווען דער קאָברינער האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָרן פון דאָרט, האָט ער געמוזט אַריינגיין אין צימער וואו דער 'בית הלוי' איז געזעסן און געלערנט (כדי אַרויסצונעמען פון דאָרט זיין רענצל), און ער האָט באַמערקט דעם 'בית הלוי', ווי ער זיצט און לערנט מיט התמדה. ווען דער קאָברינער האָט איהם געפרעגט וואָס ער לערנט, האָט דער 'בית הלוי' געענטפערט אַז ער לערנט יעצט שולחן ערוך אורח חיים.

האָט דער קאָברינער איהם געפרעגט, אויב ער האָט אויך געלערנט דעם ערשטן סעיף, אויף וואָס דער 'בית הלוי' האָט געענטפערט אַז יאָ, ער האָט עס געלערנט, אָבער ער האָט נישט זוכה געווען צו פאַרשטיין די ווערטער וואָס דער רמ"א ז"ל שרייבט דאָרט, 'שויתי ה' לנגדי תמיד הוא כלל גדול בתורה ובמעלות הצדיקים אשר הולכים לפני האלוקים וכו', כל שכן **שישים האדם אל לבו** שהמלך הגדול הקדוש ברוך הוא אשר מלא כל הארץ כבודו עומד עליו ורואה במעשיו, כמו שנאמר (ירמיה כג, כד) אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה', **מיד יגיע אליו היראה וההכנעה ופחד השם יתברך ובשתו ממנו תמיד'**, עכ"ל.

און דער 'בית הלוי' האָט אויסגעפירט צום קאָברינער: איך האָב זיך שוין מתבונן געווען אין דעם ענין, און איך האָב נישט זוכה געווען צו די מדריגה פון 'מיד יגיע אליו היראה'... האָט דער קאָברינער איהם געזאָגט:

- דער רמ"א שרייבט נישט '**כשיחשוב** האדם' (ווען דער מענטש וועט טראַכטן), נאָר '**כשישים** האדם אל לבו' - ווען דער מענטש וועט אַריינגעמען אין זיין האַרץ... און אויב דער מענטש נעמט עס טאַקע אַריין אין האַרץ, קומט די יראה אָן צו איהם...

הרה"ק רבי יעקב קאָפּיל חסיד זי"ע (אבי שושלת וויזשניץ), פלעגט האַנדלען אין מאַרק, וואו די אַנדערע סוחרים פלעגן איהם רופן 'רבי קאָפּיל שויתי'ניק', ווייל אינמיטן האַנדלען, פלעגט ער כסדר אויסשרייען 'שויתי ה' לנגדי תמיד', צוליב זיין גרויסע דביקות אין דעם באַשעפער.

רבי יעקב קאָפּיל איז - זעלבסט-פאַרשטענדליך - געווען זייער אָפּגעהיטן אין דעם ענין פון 'משקולות' (וואָג). ער פלעגט האַלטן גאַר פונקטליכע וואָגשאָלן, כדי נישט עובר צו זיין ח"ו אויף דעם איסור פון גזילה. די סוחרים פלעגן יעדן טאָג קומען אָפּוועגן ביי איהם זייערע סחורות.

ס'איז שוין געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויב רבי יעקב קאָפּיל איז אַמאָל נישט אָנגעקומען אין מאַרק, האָט קיינער נישט געהאַנדלט אויפ'ן מאַרק יענעם טאָג, זאָגנדיג, אַז אויב רבי קאָפּיל שויתי'ניק איז נישט דאָ, קען מען נישט

מיר דאַרפן זיך נאָר ווענדן צו אונזער טאַטן אין הימל[ג], וואָס 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'. 'הוא מושיענו, והוא יושיענו'[ד]...

וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך נישט אין אַנדערע, און אויך נישט אויף זיך אַליין, נאָר נאָר אויף דעם אויבערשטען. 'אשרי שא-ל יעקב בעזרו'[ה].

---

געהעריג אפערירן מיט'ן האַנדל. זיי פלעגן זאָגן, **'אויב דער 'שוית'ניק' איז נישט דאָ', קען מען נישט מצליח זיין אין די געשעפטן.**

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז הרה"ק רבי אברהם יעקב מ'סאַדיגער זצ"ל (השני) בעל 'אביר יעקב' (וועלכער האָט עולה געווען פון וויען קיין ארץ ישראל און געוואוינט אין תל אביב) איז געווען זייער אָנגעזעהן און חשוב ביי די צדיקי הדור, אַזש אז הרה"ק בעל בית ישראל' מ'גער זצ"ל האָט געזאָגט ביי זיין לוי', אַז אויב דער סאַדיגערער רבי וואָלט געהאַט אַ מנין חסידים, וואָלט ער געווען איינע פון זיי...

אין די יאָרן וואָס ער האָט געוואוינט אין תל אביב, האָט זיך געפירט צו קערן די גאַס פאָרנט פון דעם הויז וואו ער האָט געוואוינט. ער האָט געזאָגט אַ טעם, ווייל ווען די דייטשע רשעים ימ"ש זענען אַריינגעקומען אין שנת תרח"ץ קיין עסטרייך, האָבן זיי איהם געצוואונגען יעדן טאָג צו רייניגן די גאַסן פון וויען וואו ער האָט געוואוינט. דעמאָלס האָט ער גענומען אויף זיך, אַז אויב ער וועט זוכה זיין געראַטעוועט צו ווערן פון די רשעים ימ"ש און ער וועט זוכה זיין אַרויפצוקומען אין ארץ ישראל, וועט ער אנשטאט די גאַסן פון וויען, קערן און רייניגן די גאַסן פון ארץ ישראל.

ער האָט אַמאָל דערציילט, אַז יעדן טאָג, ביים רייניגן די גאַסן פון וויען, געזאָגט צו דעם אויבערשטען: **איך בין דיינער**, און אויך **דער רשע** וואָס שטייט דאָ נעבן מיר **איז דיינער... דער בעזים** וואָס איך האַלט אין האַנט צו קערן די גאַס, **איז דיינער**, און נישט נאָר דאָס, נאָר אויך **די ערד** וואָס איך רייניג, **איז דיין ערד**... קומט דאָך אויס, אַז **אַ מענטש וואָס ער איז 'דיינער', האָט באַפוילן פאַר מיר, וואָס אויך איך בין 'דיינער', צו נעמען אין האַנט 'דיין' בעזים, און קערן מיט דעם בעזים 'דיין' וועלט... ממילא טוה איך עס מיט אַ פרייליך האַרץ.** (עס האָט איהם נאָר וויי געטוהן דער בזיון פון אידישע קינדער, "מה יאמרו הגוים').

דער סאַדיגערער רבי זצ"ל האָט אויסגעפירט, אַז אט די געדאַנקען האָבן אַריינגעבלאָזן אין איהם אַ רוח החיים, אַז ער זאָל זיך קענען האַלטן אין די שוועריגקייטן און בזיונות.

פון די מעשה קענען מיר ארויס נעמען אויף למעשה, וויאזוי מ'קען זעהן דעם אויבערשטען אויף יעדן שריט און טריט, און אַזוי איז מען זוכה צו אַ געבענטשטן לעבן.

**ג.** הרה"ק רבי בעריש ביאַלער זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (ישעיה מד, ו) 'כה אמר ה' מלך ישראל וגואלו, ה' צבקות, אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלוקים'. עס זענען דאָ מענטשן וואָס ביי זיי איז דער אויבערשטער אין דער בחינה פון 'אני ראשון', באַלד ביים אָנהייב פון דער זאַך ווייסט ער אַז ער אַליין קען גאָרנישט טוהן אָן דער הילף פונעם אויבערשטען. ממילא, ווענדעט ער זיך באַלד צו דעם אויבערשטען און ער בעט זיין הילף. פון דער אַנדערער זייט, איז דאָ איינער וואָס איז 'קלוג' און אַ מוצלח אין זיינע אייגענע אויגן. עס דאַכט זיך איהם אַז ער קען זיך אַליין 'אַן עצה געבן'... צום סוף ווערט ער אָבער געוואויר, אַז 'אלמלי הקדוש ברוך הוא עוזרו'... און דאַן 'דערמאנט' ער זיך צו זיך ווענדן צו דעם אויבערשטען. קומט אויס, אַז ביי איהם איז דער אויבערשטער אין דער בחינה פון 'אני אחרון'. אויף דעם זאָגט דער באַשעפער: דו ווייסט דאָך אַז 'מבלעדי אין אלוקים', און עס איז נישט דאָ קיין שום כוח אויף דער וועלט אויסער דעם אויבערשטען'ס כח, און ממילא, איז דען נישט בעסער אַז דו זאָלסט באַלד לכתחילה קומען צו מיר...

**ד.** ווען דער מענטש ווייסט באמת אַז נאָר דער אויבערשטער קען איהם העלפן, ווערט ער געהאָלפן תיכף ומיד.

אַ איד האָט זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר'ן הייליגן נעשכיזער זי"ע אַז ער נויטיגט זיך אין אַ רפואה. האָט דער נעשכיזער איהם געשיקט צו אַ דאָקטאָר אין דער שטאָט האַניפּאָלי, און געזאָגט, אַז פון דאָרט וועט קומען זיין ישועה.

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער איד צוריקגעקומען צום נעשכיזער, מיט אַ 'טענה', אַז ער איז געפאָרן קיין האַניפּאָלי, אָבער דאָרט געפינט זיך בכלל נישט אַ דאָקטאָר. האָט דער נעשכיזער איהם געפרעגט, וואָס טוהען די שטאָט לייט פון האַניפּאָלי אויב עמיצער איז קראַנק ל"ע אָדער פאַרוויטאָגט? האָט דער איד געענטפערט, אַז זיי ווענדן זיך צו דעם אויבערשטען, דער 'א-ל רופא נאמן'. האָט דער נעשכיזער איהם געזאָגט:

- אָט דאָס האָב איך טאַקע געמיינט. מיין כוונה איז טאַקע געווען, אַז דו זאָלסט זיך ווענדן צום זעלבן 'דאָקטאָר' ווי זיי. דער 'מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא'. נאָר אויף איהם זאָלסטו זיך פאַרלאָזן, און געדענקען אַז קיין שום דאָקטאָר איז נישט אימשטאַנד דיר צו העלפן. דו דאַרפסט נאָר האָפען און מתפלל זיין צום אויבערשטען, און דאַן וועסטו בעזהי"ת זיין געזונט און שטאַרק.

דער זוועהילער רבי, הרה"ק רבי גדליה משה זי"ע, האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקענט אַ שטאָט וואָס האָט געהאַט נאָר איין דאָקטאָר און איין אַפטייקער.ביידע פלעגן רעכענען הויכע פרייזן פון די פאַציענטן. סיי ווען דער דאָקטאָר האָט איינעם אונטערזוכט, און סיי ביי די רעצעפּטן, וואס דער אַפּטייקער האָט אַרויסגעגעבן. זענען די מענטשן פון יענע שטאָט זיך צוזאַמענגעקומען פאַר אַ 'דרינגענדע זיצונג', און מ'האָט באַשלאָסן אַז פון היינט און ווייטער, וועלן די שטאָט-לייט נישט גיין צום דאָקטאָר און צום אַפטייקער, נאָר יעדער וואָס האָט אַ חולה ל"ע אינדערהיים זאָל בעטן דעם אויבערשטען, מיט די בקשה 'רפאינו ה' ונרפא', און דער 'רופא כל בשר' וועט איהם אויסהיילן.

אַ יאָר שפּעטער, האָט מען געקוקט אויף צוריק, און מ'האָט געזעהן אַז ס'איז נישט געשטאָרבן אין שטאָט אַפילו איין מענטש, במשך פון גאַנצן יאָר, אויסער דער דאָקטאָר און דער אַפטייקער. ווייל דער וואָס איז מתפלל פון טיפן האַרצן און האָט אמונה פשוטה אין דעם אויבערשטען, ווערט געראַטעוועט מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה.

**ה.** אוודאי דאַרף אַ איד אייביג זיין פריילין, ווי דער 'שם משמואל' שרייבט (פ' וירא תרע"א), אַז אויב אברהם אבינו ע"ה וואָלט נישט אָנגענומען מיט ליבשאַפט און מיט שמחה די הנהגה פון דעם אויבערשטען [נאָר ער וואָלט געגאַנגען ברענגען זיין זון יצחק געצוואונגענערהייט אויף די עקידה], וואָלט ער נישט געקענט באַקומען די נבואה וואָס דער מלאך האָט איהם געזאָגט: 'אל תשלח ידך אל הנער ועל תעש לו מאומה', ווייל חז"ל זאָגן (שבת ל:) אַז די נבואה איז שורה איף אַ מענטש נאָר ווען ער איז בשמחה. ממילא, וואָלט ער גע'שחט'ן יצחק אויף די עקידה (נישט אויפ'ן באַפעל פון דעם אויבערשטען ברוך הוא), און עס וואָלט נישט געווען פון איהם אַ המשך פון די דורות - צו כלל ישראל...

קומט אויס, אַז **דער גאַנצער זכות פון אונזער קיום און די מציאות פון אונזער לעבן אויף דער וועלט, קומט נאָר אין זכות פון שמחה של מצוה.**

הגה"ח רבי זלמן בריזעל זצ"ל איז יונגערהייט געווען נישט געזונט אויף 'טובערקולאָסיס' וואָס איז אַ גאָר מסוכנ'דיגע מלחלה רח"ל, און די דאָקטוירים האָבן נישט דערויף קיין רפואה. אויך איז עס זייער אָנשטעקיג. רבי זלמן איז געלעגן אין בעטן אַ לענגערע צייט, זייענדיג שטאַרק אָפּגעשוואַכט, און קיינער איז נישט געקומען צו איהם מיט אַ 'ביקור חולים' באַזוך.

איינמאָל האָט הגה"ח רבי ישראל גראָסמאַן זצ"ל, דער ראש ישיבה פון ישיבת פינסק קאַרלין אין ירושלים, געזאָגט צו זיינע ידידים: היתכן, איינער פון אונזער חבורה ליגט אַזוי מאַכטלאָז, און קיינער מאַכט זיך נישט וויסנדיג? מ'דאַרף אַרויפגיין צו איהם זעהן וואָס ער מאַכט. איז רבי ישראל טאַקע אַרויפגעגאַנגען צו רבי זלמן בריזל, אָבער צוליב פאָרזיכטיגקייט נישט אָנגעשטעקט צו ווערן, איז רבי ישראל געשטאַנען פונדערווייטענס. ער האָט געזעהן אַז רבי זלמן איז טאַקע זייער אָפּגעשוואַכט, אַז ער קען קוים רעדן.

ווען רבי זלמן בריזל האָט באַמערקט רבי ישראל'ן, האָט ער איהם געוויזן מיט'ן פינגער ער זאָל צוקומען נענטער, ווייל ער וויל איהם עפּעס זאָגן. רבי ישראל איז געווען מסופק וואָס צו טוהן. פון איין זייט, איז דאָך עס אַן אָנשטעקיגע און מסוכנ'דיגע מחלה רח"ל, וואָס מ'טאָר נישט שטיין נאָנט צום קראַנקן. פון דער צווייטער זייט, בעט דאָך דער קראַנקער אַליין פון איהם צוצוקומען... און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צוואה רבי זלמן וויל איהם דאָ איבערגעבן... ווי עס ווייזט אויס, איז עס גאָר דרינגענד.

רבי ישראל איז צוגעקומען נענטער, און רבי זלמן, קוים קענענדיג אַרויסזאָגן אַ וואָרט, האָט איהם איינגערוימט אין אויער שטילערהייט: רבי ישראל, **נאָר מיט שמחה..!** ווי איינער זאָגט, איך ליג טאַקע דאָ ווי אַן 'אבן שאין לה הופכין'. קיינער קען מיר נישט העלפן, אָבער מ'דאַרף דאָך פאָרט זיין בשמחה... (רבי זלמן איז שפּעטער געזונט געוואָרן בחסדי השי"ת, און ער האָט שפּעטער געלעבט ביז נאָנט צו די הונדערט יאָר).

פון די דערמאנטע מעשה לערנען מיר ווי ווייט מ'דאַרף זיין פריילין און אָננעמען מיט ליבשאַפט אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אונז.

איינע פון די חסידים פון הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, הגה"ח רבי ניסן שטיצבערג זצ"ל, האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט אַ יונגערמאַן אַ ירא שמים. אינמיטן די 'שבע ברכות' האָט אָבער פּאַסירט אַ שרעקליכער אומגליק

**ויעתר יצחק - שעם זיך נישט צו דערציילן אַז די גייסט בקרוב זוכה זיין צו אַ נס**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (כה, כא) 'ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו כי עקרה היא'. פרעגט דער רבינו בחיי, דער פסוק וואָלט פריער געדאַרפט זאָגן אַז רבקה איז געווען אַן עקרה, און ערשט דערנאָך דערמאנען אַז יצחק האָט מתפלל געווען צו געהאָלפן ווערן מיט קינדער.

**ענטפערט** דער רבינו בחיי, אַז נישט אַזוי ווי עס זעהט אויס מיט'ן מענטשליכן אויג אַז וויבאַלד זיי זענען געווען עקרות האָבן זיי געדאַרפט מתפלל זיין געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, נאָר אדרבה, ווייל דער באַשעפער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן מתפלל זיין, האָט ער זיי צוליב דעם געמאַכט פאַר עקרות.

**דער** רבינו בחיי ברענגט ארויס די נקודה מורא'דיג שטאַרק, אַז מ'זאָל נישט מיינען אַז זייער תפילות איז געווען צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קינדער, ווייל אויב אַזוי וואָלט טאַקע געדאַרפט שטיין ערשט, 'כי עקרה היא', און דערנאָך 'ויעתר יצחק לה''. נאָר די כוונה איז אַז זי איז געווען אַן עקרה נאָר דערפאַר כדי ביידע זאָלן מתפלל זיין געהאָלפן צו ווערן.

דעריבער האָט דער פסוק מקדים געווען די תפילה וואָס איז דער עיקר, און די ערשטע סיבה פאַרוואָס דאָס עקרות איז געקומען אויף רבקה אמינו ע"ה, און אויף דעם זאָגן חז"ל (שהש"ר פ"ב, לד) אַז די אמהות זענען געווען עקרות, ווייל דער אויבערשטער גליסט צו הערן די תפילות פון די צדיקים.

**אַזוי** שרייבט הרה"ק בעל 'ערבי נחל' זי"ע (אָנהייב פרשת וירא) אַז אַמאָל פאַסירט אַז אַ בקשה שפעטיגט צו ערפילט ווערן ווייל דער אויבערשטער וויל אַז דער מענטש זאָל מתפלל זיין צו איהם.

**מיט** דעם, טייטשט דער 'ערבי נחל' דעם פסוק אין תהלים פו, ג) 'חנני ה' כי אליך אקרא כל היום'. דאַרף מען פאַרשטיין, 'חנני' איז אַ בקשה אויף אַן אומזיסטע מתנה, און אויב עס איז 'כי אליך אקרא', מ'דאַווענט צו דעם אויבערשטען, איז דאָך עס נישט אַ 'מתנת חינם'. אויך איז שווער, וואָס דער פסוק זאָגט 'אקרא', לשון עתיד. ער וואָלט געדאַרפט זאָגן 'קראתי כל היום' - איך האָב גערופן צו דעם אויבערשטען אַ גאַנצן טאָג. נאָר די כוונה פון פסוק איז, אַז דוד המלך ע"ה האָט געבעטן 'חנני ה'' - גיב מיר באַלד אַ 'מתנת חינם', און האַלט זיך נישט צוריק פון ערפילן מיין בקשה

---

רח"ל. דער חתן איז אַוועק פון דער וועלט ל"ע, און צו דעם אַלעם איז צוגעקומען נאָך אַ צרה ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די 'כלה' וועט בלייבן אַן עגונה גאַנצע אַכט יאָר, ווייל דער איינציגער ברודער פונעם חתן איז געווען קוים פינף יאָר אַלט, און אַ 'קטן' קען דאָך נישט מקיים זיין די מצוה פון חליצה, ביז ער ווערט 13 יאָר אַלט.

איז רבי ניסן שטיצבערג אַריינגעגאַנגען צו זיין רבי'ן, דעם 'יסוד העבודה', און איהם געפרעגט, 'מה זה ועל מה זה'. וויפיל איז דער שיעור צו ליידן רח"ל. האָט דער 'יסוד העבודה' איהם געזאָגט:

- אויב דו וועסט זיך אַביסל מתבונן זיין, וועסטו זעהן אַז פון הימל האָט מען באַשערט אַז דיין טאָכטער זאָל נישט אויפשטעלן אַ אידישע היים ביז אַכט יאָר פון יעצט. אויב עס וואָלט נישט פאַסירט וואָס עס האָט פאַסירט, וואָלט דאָך דיין טאָכטער נישט געוואָרן אַ כלה ביז יעצט, און דו וואָלסט זיך משתדל געווען צו געפינען פאַר איר אַ פאַסיגן זיווג (וואָס אַזוי דאַרף טאַקע זיין). נאָך אַ שטיקל צייט, ווען זי וואָלט עלטער געוואָרן, וואָלט איר געזוכט 'סגולות' ברוחניות ובגשמיות. איר וואָלט מתפלל געווען און 'איינגעריסן וועלטן', און איר וואָלט אויך גערעדט מיט יעדן איינעם וואָס האָט אַפילו אַ 'ריח פון שדכנות', אַז ער זאָל ברענגען עפעס אַ 'פאָרשלאַג'. און וואָס וואָלטן די מענטשן געזאָגט - די טאָכטער פון רבי ניסן שטיצבערג האָט נישט חתונה... מסתמא האָט זי געוויסע חסרונות... ביינאַכט וואָלסטו זיך איבערגעדרייט אויפ'ן בעט פון איין זייט צו דער אַנדערער זייט, ביז זי וואָלט צום געטראָפן איר זיווג... דער אויבערשטער האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף אייך, און ער האָט אייך פאַרמיטן די גאַנצע בושות און עגמת נפש, און יעצט קענסטו זיין רואיג און לעבן במנוחה, ביז דער ברודער פון דיין איידים וועט ווערן 'בר מצוה', און ער וועט קענען געבן 'חליצה'. דאַן וועט זי חתונה האָבן מיט איר פאַסיגן זיווג בשעה טובה ומוצלחת, און אויפשטעלן דורות ישרים ומבורכים, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא.

ס'איז פשוט אַז אַזעלכע 'געדאַנקען' קענען נישט איינפאַלן איינעם וואָס האָט אַ קורצזיכטיגן שכל. מיר זעהען אָבער פון דעם, אַז 'מה גדלו מעשיך ה', מאד עמקו מחשבותיך'.

כדי איך זאָל ווייטער דאַוונען פאַר דיר, ווייל איך נעם אויף זיך אין דער צוקונפט ווייטער צו דאַוונען צו דיר אַ גאַנצן טאָג, אַפילו נאָך דעם וואָס איך וועל שוין באַקומען דאָס וואָס איך האָב געבעטן.

**זאָגט** דער 'ערבי נחל' ווייטער אַ גרויסן יסוד, אַז וועגן דעם זאָגן חז"ל (סנהדרין מד:) 'לעולם יקדים אדם תפילה לצרה'. דער מענטש דאַרף מקדים זיין די תפילה צו די צרה, ווייל דער אויבערשטער גליסט צו הערן די תפילות פון אידישע קינדער[ו], און אויב דער מענטש וועט מתפלל זיין נאָר ווען ער דאַרף עפּעס האָבן, וועט זיין בקשה צוריקגעהאַלטן ווערן כדי ער זאָל אַסאַך מתפלל זיין, אָבער דער מענטש וואָס איז אייביג מתפלל צו דעם אויבערשטען, אויך ווען עס איז איהם נישט ענג, איז נישט דאָ קיין שום סיבה צו ברענגען אויף איהם אַ צרה, און אויך אויב עס וועט ח"ו יאָ קומען וועט עס באַלד אָפּגעטוהן ווערן פון איהם ווען עס וועט אָנקומען!

**אויך** שרייבט דער רבינו בחיי דאָ ביי די מעשה פון יצחק און רבקה וואָס זיי האָבן מתפלל געווען אויף קינדער, אַז פון דאָ קען מען אויך לערנען וועגן דעם כח פון תפילה, אַז עס איז זייער גרוים אַפילו צו פאַרענדערן די נאַטור. און צוליב דעם זאָגט דער פסוק אַ לשון 'ויעתר', און נישט 'ויתפלל', אָדער 'ויצעק', אָדער אַן אַנדערן לשון, ווייל עס איז פון לשון 'עתר', און די גמרא זאָגט (סוכה יד.) אַ די תפילות פון צדיקים זענען צוגעגליכן צו אַן 'עתר' - אַ גאָפּל, ווייל פּונקט אַזוי ווי אַ גאָפּל דרייט איבער די תבואה אין שייער פון איין אָרט צום אַנדערן, אַזוי טוהען די תפילות פון די צדיקים איבערדרייען דעם אויבערשטען'ס דעה, פון די מדה פון אכזריות צו די מדה פון רחמנות!

**אַזוי** זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"א קלז:) אַז דאָס וואָרט 'ויעתר' איז פון לשון 'ויחתר', אַז יצחק האָט מיט'ן מתפלל זיין, 'געגראָבן' אַ 'לאָך' אין הימל צום מזל וואָס איז ממונה אויף קינדער, און דאַן האָט אויך דער אויבערשטער 'אויסגעגראָבן' אַ 'חתירה' און אָנגענומען זיין תפילה[ז].

**זאָגן** די ספרים הקדושים, אַז בעצם איז בכלל נישט שייך געווען אַז רבקה זאָל קענען געבוירן קינדער (זעה מד"ר ב"ר פס"ג, ה), נאָר יצחק האָט אַזוי שטאַרק מתפלל געווען ביז ער האָט געעפנעט אַן 'אָרט' פאַר די תפילה אָנגענומען צו ווערן און ממשיך זיין פאַר איר קינדער אינדרויסן פון די 'סדרי בראשית'. די מדה

---

**ו.** נישט נאָר דער אויבערשטער הערט די תפילות פון אידישע קינדער, נאָר ער 'לייגט צו אַן אויער' כביכול צו הערן אונזערע תפילות, ווי מ'זעהט קלאָר פון פסוק (תהלים קטז, א) 'אהבתי כי ישמע ה' את קולי תחנוני, כי **הטה אזנו לי** ובימי אקרא'. 'כי הטה אזנו' - דער אויבערשטער כביכול טוט 'צובייגן' זיין אויער צו הערן 'את קולי תחנוני'...

**ז.** אין דעם ענין פון תפילה, זאָגט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (פ' וירא, ד"ה 'וה' פקד') אויפ'ן פסוק (בראשית כא, א) 'וה' פקד את שרה כאשר אמר'. פון די פקידה פון שרה אמינו ע"ה לערנען חז"ל אַרויס (געברענגט אין רש"י דאָ) אַז איינער איז מתפלל פאַר זיין חבר און ער דאַרף האָבן די זעלבע סאָרט ישועה, ווערט ער געענטפערט צוערשט, ווייל דער פסוק זאָגט 'ויתפלל אברהם אל האלוקים, וירפא אלוקים את אבימלך', און באַלד דערנאָך זאָגט דער פסוק 'וה' פקד את שרה', און עס שטייט נישט 'ויפקוד', וואָס וואָלט משמע געווען אַז זי איז שוין פריער געהאָלפן געוואָרן, נאָך איידער אבימלך איז אויסגעהיילט געוואָרן. 'וה' פקד' איז מרמז, אַז יעצט, נאָך דעם ווי אברהם האָט מתפלל געווען פאַר די רפואה פון אבימלך, איז אויך שרה נפקד געוואָרן צו געבוירן יצחק אבינו ע"ה.

זאָגט דער 'חתם סופר', לכאורה האָט דאָך די 'פקידה' פון שרה אמינו ע"ה גורם געווען אַז מענטשן זאָלן זאָגן 'מאבימלך נתעברה שרה', און דער אויבערשטער האָט צוליב דעם געדאַרפט טוישן דעם אויסזעהן פון יצחק אַז ער זאָל אויסזעהן אַזוי ווי זיין טאַטע אברהם אבינו ע"ה, כדי יעדער זאָל איינזעהן אַז יצחק איז דער זון פון אברהם (ווי רש"י ברענגט אָנהייב היינטיגע סדרה). אויב אַזוי, וואָלט לכאורה געווען כדאי צוצוואַרטן מיט שרה'ס ישועה אַ לענגערע צייט, כדי מענטשן זאָלן נישט קענען זאָגן אַזוי.

ענטפערט דער 'חתם סופר', **אַז עס איז אַ 'גזירה מימות עולם', אַז דער וואָס בעט פאַר אַ צווייטן, הוא נענה תחילה!** און ממילא, האָט דער אויבערשטער נישט געוואָלט משנה זיין דעם סדר העולם צוליב עטליכע שוטים וואָס וועלן מאַכן ליצנות. וועגן דעם איז שרה באַלד געהאָלפן געוואָרן, 'כאשר אמר' - דאָס מיינט, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז 'כל המתפלל בעד חבירו הוא נענה תחילה'.

פון דין האט אבער פרובירט צו שטערן, און דעריבער האט דער אויבערשטער אויסגעגראבן א 'לאך' אנצונעמען די תפילה ארויס פון דעם געוועגליכן סדר, ביז די מקטריגים האבן מער נישט געקענט שטערן אנצונעמען די תפילה.

**און** מ'דארף וויסן, אז דורך תפילה ווערט דער מענטש אליין אזוי ווי א נייע באשעפעניש און אן אנדערן 'מציאות', ווי עס שרייבט דער ש"ך על התורה (פון די גורי האריז"ל, אנהייב היינטיגע פרשה), **אז די סיבה פארוואס רבקה איז געווען אן עקרה איז געווען כדי יצחק זאל מתפלל זיין פאר איר און זי זאל ווערן איבערגעדרייט צו אן אנדערע באשעפעניש דורך די תפילה. אין אנדערע ווערטער, זי איז נישט די זעלבע רבקה טאכטער פון בתואל!** ווייל יענע רבקה איז געווען אן עקרה, און זי, די נייע רבקה, איז וועגן איר געזאגט געווארן 'ותהר רבקה אשתו', כאטש זי איז נישט די זעלבע רבקה, נאר אן אנדערע רבקה וואס איז נישט די טאכטער פון בתואל. און דאס אלעס, כדי אפצוזייניגן די אידישע קינדער אז זיי זאלן נישט האבן קיין 'אחיזה' מיט די אומות העולם...

און וועגן דעם זאגט דער פסוק 'ויעתר', אזוי ווי א 'גאפל' וואס דרייט איבער די תבואה פון אויבן אראפ, אזוי איז רבקה געווארן איבערגעדרייט פון איר עקרות צו 'ותהר רבקה', דורך די תפילה, און לאה איז נישט געווען אן עקרה, ווייל זי האט זיך איבערגעדרייט מיט אירע בכיות וואס זי האט געוויינט אז זי זאל נישט אריינפאלן צו דארפן חתונה האבן מיט עשו, אזוי ווי חז"ל דרש'ענען אויך וועגן לאה, אויפ'ן פסוק (בראשית כט, לז) 'ועיני לאה רכות', אז זי האט געוויינט אז זי זאל נישט דארפן חתונה האבן מיט עשו הרשע, און ממילא, איז זי נישט די זעלבע לאה, ווייל 'יענע' לאה איז געווען פאר עשו, און די יעצטיגע לאה איז געווען אן אנדערע[ח].

**מיר** געפינען אין חז"ל (ב"ר פמ"ה, ד) **אז אלע אמהות זענען געווען עקרות, און ביי די אבות, געפינען מיר אז נאר אברהם איז געווען אן עקר** (ילקוט שמעוני, רמז עח), און לויט ווי פריער דערמאנט איז עס פארשטענדליך, ווייל יצחק און יעקב זענען שוין געבוירן געווארן בקדושה ובטהרה פון זייערע הייליגע אבות,

**ח.** דוד המלך ע"ה זאגט: 'בך בטחו אבותינו בטחו ותפלטמו, בך בטחו ולא בושו' (תהלים כב, ה). אונזערע עלטערן האבן געהאט בטחון, און זיי האבן זיך נישט געשעמט דערמיט.

זאגט דער 'בן איש חי' ('החיים והשלום', תהלים), ס'איז דא א מענטש וואס פארזיכערט זיך אויף דעם אויבערשטען אז ער וועט איהם באווייזן א נס, אבער ער שעמט זיך צו דערציילן וועגן דעם פאר אנדערע מענטשן, ווייל ער האט מורא אז ער וועט מעגליך נישט זוכה זיין צום נס... מיט דעם ווייזט ער אז ער האט נישט דעם גאנצן בטחון, נאר מ'דארף זיך פארזיכערן אויף דעם אויבערשטען מיט'ן גאנצן הארץ, און **מ'זאל זיך בכלל נישט שעמען צו טוהן שוין יעצט 'פרסומי ניסא'**, און אויף דעם זאגט דער פסוק 'בך בטחו ולא בושו'...

און דער 'בן איש חי' ברענגט דארט א מעשה, וואס האט פאסירט ביי הגה"ק רבי משה גאלאנטי זי"ע, באקאנט אלס דער 'מהר"ם גאלאנטי'. אמאל איז געווען א שרעקליכע עצירת גשמים. ס'איז נישט געקומען רעגן א לאנגע צייט, און דער ווינטער איז ממש פארוואנדלט געווארן אין זומער. אפילו געציילטע טראפנס זענען נישט אראפגעקומען פון הימל. מענטשן זענען געווען דורשטיג נאך אביסל וואסער, ווייל אלע גריבער זענען שוין געווען טרוקן, צוליב די גרויסע היצן וואס האבן געהערשט יענעם יאר.

האט דער מהר"ם גאלאנטי צוזאמענגערופן אלע אידן צו אן 'עצרת תפילה' ביי דעם 'ציון' פון שמעון הצדיק, און ער האט זיי באפוילן מיטצוברענגען רעגן-מאנטלען, זיך צו שיצן פון די רעגנס וואס וועלן קומען ווען מ'וועט צוריקקומען פונעם 'ציון' פון שמעון הצדיק.

די אידן האבן טאקע איינגעריסן וועלטן עס זאל קומען א סוף צו די טרוקעניש, און עס זאל אנהייבן רעגענען. דער אויבערשטער האט געהערט זייערע תפילות, 'וארובות השמים נפתחו'. עס האט אנגעהויבן שטארק צו רעגענען, אויף אזוי ווייט, אז ווען די אידן זענען צוריקגעקומען אהיים, האבן זיי ממש געדארפט לויפן, כדי נישט פארנעצט צו ווערן פונעם שטארקן רעגן.

פון די מעשה קענען מיר לערנען, ווי ווייט דער הייליגער צדיק רבי משה גאלאנטי זי"ע, האט זיך פארזיכערט אויף דעם אויבערשטען אז ער וועט הערן די אידישע תפילות, אויף אזוי ווייט, אז ער האט אינגאנצן נישט חושש געווען צו הייסן די אידן מיטברענגען זייערע רעגן-מאנטלען... ער האט נישט מורא געהאט אז ער קען זיין 'ללעג ולקלס'. ער איז געווען זיכער ביי זיך, מיט א שטארקן בטחון אין באשעפער, אז עס וועט אנהייבן צו רעגענען, וכן הוה.

און וועגן דעם האָבן זיי געקענט געבוירן קינדער מיט'ן דרך הטבע, אָבער אברהם אבינו ע"ה, וואָס ער איז געווען אַ זון פון תרח וואָס ער האָט געדינט עבודה זרה, און אויך די אמהות, זענען אַלע געווען קינדער פון רשעים, וועגן דעם האָבן זיי געדאַרפט זיין עקרות כדי זיי זאָלן נישט קענען געבוירן מיט'ן דרך הטבע, און נאָר דורך אַסאַך מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען וועלן זיי געהאָלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים, און אַז זיי וועלן געענטפערט ווערן מיט תפילה[ט], קומט אויס אַז זיי זענען איבערגעדרייט געוואָרן און פאַרענדערט געוואָרן צו ווערן ווי אַ נייע באַשעפעניש, און אַזוי איז אָפגעטוהן געוואָרן דער קשר וואָס זיי האָבן געהאַט

---

ענליך געפינען מיר ביי חוני המעגל (תענית יט.), אַז ווען מ'האָט איהם געבעטן ער זאָל מתפלל זיין עס זאָל קומען רעגן, האָט ער געזאָגט צו די אידן, גייט אַרויס און ברענגט אַריין די אויווענס אויף וועלכע יעדער איינער בראָט זיין קרבן פסח, כדי זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן פון די רעגנס וואָס וועלן קומען, ווייל ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן בטחון בתכלית, און ער האָט זיך אינגאַנצן נישט געשעמט צו הייסן די אידן אַריינעמען זייערע אויוונס אין הויז, אַז זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן פונעם רעגן.

**ט.** איינער וואָס מאכט-מיט פארשידענע שוועריגקייטן און יסורים ל"ע, קען פון דעם ארויסנעמען א געוואלד'יגע חיזוק ווייל **ס'איז מעגליך אַז די גאַנצע סיבה פון די יסורים איז נאָר ווייל דער אויבערשטער גליסט פאַר זיין תפילה**, און ער בעט פון איהם 'השמיעיני את קולך, כי קולך ערב'. און ממילא, אויך אויב ער האָט מתפלל געווען און זיין תפילה איז נאָך נישט געענטפערט געוואָרן, זאָל ער נישט ווערן געפאַלן ביי זיך צו זאָגן, אוי, מ'הערט נישט אין הימל מיין תפילה, ווייל דער אויבערשטער קוקט דאָך אַרויס צו הערן זיין קול, **און טאַקע צוליב דעם איז ער נאָך נישט געענטפערט געוואָרן, כדי ער זאָל נאָך אַמאָל דאַווענען, און נאָך אַמאָל דאַווענען...**

על דרך משל, ס'איז איינגעפירט היינטיגע צייטן, אַז מ'שטעלט אַוועק אַ 'מאַשין' ביים טיר פון די מקוואות, וואו מענטשן לייגן אַריין אַ געוויסן סכום געלט און דאַן עפענען זיך די טויערן פון די מקוה. אין אַ געוויסן טאָג, איז געקומען אין שטאָט אַ גאַסט, און ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין אַ מקוה וואו עס קאָסט צען שקלים. ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם מאַשין אַ שקל, און נאָך אַ שקל, און ער זעהט, אַז שוין נאָכ'ן אַריינלייגן פיר און פינף שקלים, האָט דער טויער פון דער מקוה זיך נאָך אַלץ נישט געעפענט. ער האַלט שוין ביים זיבעטן און ביים אַכטן שקל, און אַפילו שוין ביים ניינטן שקל, און עס עפענט זיך נישט... איז ער געוואָרן אין כעס און איז אַנטלאָפן פון דאָרט אַן אויפגערעגטער... (טראַכטנדיג ביי זיך, זעה נאָר וואָס פאַר אַ 'ליבהאָבער' פון געלט די שטאָט-לייט זענען דאָ, און ווער ווייסט וויפיל שקלים איך וועל נאָך דאָ פאַרלירן פאַר'ן אַריינקומען דאָ...). אַזאַ איינער איז דאָך באמת אַ שוטה, ווייל אויב וועט אַריינלייגן נאָך איין-איינציגן 'שקל' וועט דער טויער זיך ברייט עפענען פאַר איהם. פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן ווען די ישועה איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר...

דער נמשל איז פאַרשטענדליך פון זיך אַליין. **דו ביזט זיך מייאש פון מתפלל זיין ווען דו האַלטסט שוין ממש ביים טויער פון די ישועה** (אויך קען מען זאָגן, אַז דער וואָס לייגט אַריין אַ מטבע פון צען שקלים אויף איינמאָל, עפענען זיך באַלד די טויערן פון די מקוה פאַר איהם. דאָס זעלבע, איז דער מענטש וואָס בעט דעם אויבערשטען ווען עס איז אַן 'עת רצון', מצד די 'צייט', אָדער דאָס אָרט, איז עס אַזוי ווי איינער וואָס האָט אריינגעלייגט אַסאַך תפילות מיטאַמאָל, און זיין ישועה איז נענטער צו קומען...).

אַזוי טוט דער מענטש אָפט מאָל מתפלל זיין איינמאָל און נאָך אַמאָל, און ער ווייסט נישט ווי ווייט ער האָט שוין דערנענטערט די ישועה מיט זיין תפילה. אויב ער וואָלט געבעטן **נאָך אַביסל**, וואָלט ער שוין משלים געווען זיין גאַנצע פעולה צום גוטן.

אַזוי זאָגן חז"ל, אַז משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען 515 תפילות, אַזוי ווי די צאָל פונעם וואָרט 'ואתחנן' (וואָס איז אויך בגימטריא 'תפלה'), אַז ער זאָל זוכה זיין אַריינצוקומען אין ארץ ישראל. און כאָטש די תפילות פון משה רבינו ע"ה זענען דעמאָלס נישט געענטפערט געוואָרן, אָבער פונדעסטוועגן, ווערט יעדע תפילה געהערט אין הימל, און מ'האָט אָפגעציילט איין תפילה נאָך די אַנדערע, ביז צו די צאָל פון 515...

ממילא, דאַרפן מיר זיך שטאַרקן, **חזקו ויאמץ לבבכם כל המייחלים לה', צו בעטן און בעטן דעם אויבערשטען**, ווי די גמרא זאָגט (ברכות לב:) אַז אויב דער מענטש זעהט אַז זיין תפילה איז נישט געענטפערט געוואָרן, זאָל ער ווייטער דאַווענען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כז, יד) קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה', און רש"י טייטשט

דעם פסוק, 'התחזק ולא תמשוך ידך, אלא חזור וקוה'. **שטאַרק זיך, און צי זיך נישט צוריק פון שטאַרקן זיך, נאָר דו זאָלסט ווייטער האָפען.**

אויך דאָס לערנען מיר פון אונזערע הייליגע אבות, ווי וויט יצחק אבינו ע"ה האָט מתפלל געווען אויף די ישועה, און ער איז טאַקע צום סוף געהאָלפן געוואָרן.

אגב, אויף דעם דערמאנטן פסוק, קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה', זאָגט די גמרא (ברכות לב:) אַז דער פסוק זאָגט אַ דאָפלטן לשון, 'קוה אל ה'', אונז צו לערנען, אַז אויב דער מענטש האָט געזעהן אַז ער האָט מתפלל געווען און ער איז נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן, **זאָל ער נאָך אַמאָל מתפלל זיין'.**

קען מען זאָגן, אַז חז"ל האָבן אונז געוואָלט לערנען, אַז אויב דער מענטש האָט געהאָפט צום אויבערשטען און ער איז נישט געהאָלפן געוואָרן, ווייל זיין בטחון איז נישט געווען בשלימות, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, נאָר ער זאָל ווייטער האָפען, און אויך אויב ביים ערשטן מאָל האָט ער נישט מצליח געווען, וועט ביים צווייטן מאָל זיין בטחון שוין זיין שטאַרקער (און ממילא וועט ער דעמאָלס קענען געהאָלפן ווערן).

דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל האָט אָבער געטייטשט דעם דאָפלטן לשון, אַז עס קומט אונז לערנען, אַז דער מענטש וואָס האָפט צום אויבערשטען איז זוכה צו באַקומען זיין שכר בשלימות. וואָס איז דער שכר? דער שכר איז, 'ויאמץ לבך וקוה אל ה'' - דער אויבערשטער וועט שטאַרקן זיין האַרץ און ער וועט פאַרשטאַרקן ביי איהם די האָפענונג און בטחון אין דעם אויבערשטען ברוך הוא (ענליך שרייבט דער פאפא'ער רב הרה"ק בעל 'ויגד יעקב' זצ"ל, אין די הקדמה צו זיין ספר שאלות ותשובות 'משפטיך ליעקב').

און דער בריסקער רב האָט עס זייער שיין מסביר געווען: דער מענטש וואָס איז זוכה צו רייכטום האָט דאָך נישט קיין מנוחה בשלימות, ווייל ער איז אייביג באַזאָרגט אַז ער קען פאַרלירן זיין פאַרמעגן ח"ו, און דאָס זעלבע ביי אַלע אַנדערע קנינים פון עולם הזה - וואָס צוזאַמען מיט'ן פאַרגעניגן דערפון, האָט דער מענטש נישט קיין מנוחה. אָבער דער מענטש וואָס האָט בטחון, גייט אַרום שטענדיג אָן דאגות, ער איז אייביג גליקליך און פריילך, ווייל ס'איז נישט דאָ קיין זאַך אויף דער וועלט וואָס קען איהם אַוועקרוקן פון זיין אמונה און בטחון. קומט אויס, אַז די מעלה פון די מדה פון בטחון אין דעם אויבערשטען, איז פילפאַכיג מער ווי די מעלה פון עשירות און דאָס גלייכן, און אויב אַזוי, איז ווען דער אויבערשטער וויל באַצאָלן אַ גוטן שכר פאַר די אַלע וואָס פאַרזיכערן זיך אין איהם, מיט אַן אמת, וועט פאַר איהם נישט זיין גענוג משפיע צו זיין רייכטום און דאָס גלייכן, ווייל דאַן וועט אויסקומען אַז זייער שכר וועט זיין ווייניגער ווי די עצם מצוה, ווייל עשירות איז דאָך אַ קלענערע מעלה פון בטחון. דעריבער איז דער שכר פון אַזאַ איינעם, אַז 'ויאמץ לבך' - ער וועט שטאַרקן זיין האַרץ צו זיין פון די וואָס האָפען און קוקן אַרויס צו דעם אויבערשטען, און דאַן קומט אויס אַז ער באַקומט זיין פולן שכר, ווייל דורך זיין בטחון אין דעם אויבערשטען, וועט איהם שוין גאָרנישט פעלן.

ווען דער בריסקער רב האָט געענדיגט זאָגן דעם דאָזיגן הסבר, האָט איינע פון די אָנוועזענדע אידן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער עושר און געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן טאָג און נאַכט, זיך אָנגערופן, אַז **'ס'איז אַ גוט וואָרט'...** האָט דער בריסקער רב איהם געזאָגט:

- אויב אַזוי, אַז ס'איז אַ גוט וואָרט, איז אפשר וועסטו אויפהערן האַנדלען מיט דיינע פילע געשעפטן, און דו וועסט זיך אַוועקזעצן על התורה ועל העבודה, גלייבנדיג און האָפענדיג צום באַשעפער אַז ער וועט דיר געבן געלט... נאָר וואָס דען, דו ביזט טאַקע מסכים מיט מיינע ווערטער, און דו האָסט אַפילו הנאה פון דעם 'וואָרט', אָבער דיין האַרץ איז גאָר וויט פון צו גלייבן דערין...

און אויף דעם האָט דער בריסקער רב דערציילט די פאָלגענדע מעשה, וואָס האָט פאַסירט ביי זיין טאַטן, דער גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל:

אַ איד פון ארץ ישראל, איז געקומען צו פאָרן קיין בריסק אַלס אַ 'משולח' פאַר צרכי צדקה. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די גלילות פון בריסק במשך פון אַ גאַנצן ווינטער. פאַר פסח, ווען ער האָט שוין באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַ שיינעם סכום געלט, איז ער אַריבערגעגאַנגען אין פאָסט אפיס כדי אַהיימצושיקן דאָס געלט, אַז די בני בית זאָלן האָבן אויף צרכי החג. ווען ער האָט געוואָלט אַרויסנעמען פון טאַש דאָס געלט, איז איהם געוואָרן 'פינצטער פאַר די אויגן': דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט באַוויזן צוזאַמענצושטעלן במשך פון אַ גאנצן ווינטער, איז ביי איהם גע'גנב'עט געוואָרן.

- אַלזאָ, דער איד איז תיכף געקומען צו לויפן צו מיין טאַטן, דעם גאון רבי חיים זצ"ל, וועלכער איז דאַן געזעסן אין בית-דין-שטיבל - דערציילט דער בריסקער רב ווייטער און געוויינט און געשריגן פון גרויס ווייטאָג אַז מ'האָט איהם באַ'גנב'עט דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט באַוויזן צוזאַמענצושטעלן מיט אַזוי פיל פלאָג און האָרעוואַניע, אין משך פון די לעצטערע חדשים. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער ווייסט 'כמעט אויף זיכער' ווער ס'איז דער גנב, ווייל ווען ער איז אָנגעקומען פאָסט אָפּיס איז איינער צוגעקומען צו איהם און איהם אויפמערקזאַם געמאַכט פאַרוואָס ער גייט מיט אַזעלכע צעריסענע בגדים, און ער האָט איהם אָפּגעמאָסן זיין אַנצוג, זאָגנדיג אַז ער וועט איהם קויפן אַ נייעם אַנצוג מיט די זעלבע מאָס. ווי עס ווייסט אויס, איז ווען ער האָט אויסגעטוהן דעם אנצוג כדי יענער זאָל עס אָפּמעסטן, האָט יענער 'גנב' צוגענומען פון דאָרט דאָס געלט.

האָט דער גאון רבי חיים בריסקער, וועלכער איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַ גרויסער בעל צדקה און אַלס אַ 'מרבה להיטיב' מיט אידישע נצרכים, געזאָגט פאַר דעם איד ער זאָל צוריקקומען אין עטליכע טעג, און ער וועט איהם צושטעלן דעם גאַנצן סכום. רבי חיים האָט זיך טאַקע געוואָנדן צו די רייכע לייט נדיבי עם אין שטאָט, און ער האָט ביז עטליכע טעג צוגעשטעלט פאַר דעם איד אַ שיינעם סכום, נאָך מער ווי פריער.

דער משולח האָט זיך געשפּירט אַביסל אומאנגענעם צוליב דעם וואָס ער האָט 'פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט' צוליב דעם פאַרלוסט פונעם געלט, און ער האָט אויך חושש געווען אַז רבי חיים וועט צוליב דעם, פון יעצט און ווייטער, 'אַראָפּקוקן' אויף איהם, און ער האָט געוואָלט פאַרענטפערן זיין אויפפירונג, אַז ער האָט זיך נישט פאַרלוירן צוליב דעם געלט-שאָדן, נאָר צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַזאַ שוטה צו גלייבן יענעם סוחר ווען ער האָט געזאָגט אַז ער וויל איהם קויפן אַן אנצוג, און עס איז איהם בכלל נישט איינגעפאַלן אַז יענער איז נישט מער ווי אַ גנב און אַ גזלן...

רבי חיים האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז יענער משולח שטעלט נאָר אָפּ אַ פנים כדי ער זאָל אויסזעהן ווי אַן ערליכער מענטש. האָט ער איהם געזאָגט:

- אויב אַזוי, וועל איך מיך אַוועקזעצן מיט די דיינים פון אונזער בית דין, און מיר וועלן אָפּשרייבן פאַר אייך אַ כתב 'הורמנא', אַז איר זענט נישט אַ שוטה, נאָר אַ קלוגער פאַרשטענדליכער מענטש, און דאָס געלט וואָס איך האָב זיך באַמיהט צוזאַמענצושטעלן פאַר אייך, וועלן מיר פאַרטיילן פאַר עטליכע אלמנות און יתומים וואָס נויטיגן זיך דערין...

האָט דער איד זיך צעשריגן: **'אָבער וואָס וועט זיין מיט'ן געלט?'...**

און דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל האָט אויסגעפירט, זאָגנדיג צו דעם רייכן איד וואָס האָט זיך אָנגערופן אַז 'ס'איז אַ גוט וואָרט'... 'דו זאָגסט אַז דער גליקליכסטער מענטש איז דער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף דעם אויבערשטען, אָבער גלייכצייטיג דערמיט, ביזטו נישט גרייט מוותר צו זיין חלילה אַפילו אויף אַ 'פרוטה' פון דיין פאַרמעגן...

נאָך אַ מעשה האָט דער בריסקער רב זצ"ל דערציילט וועגן זיין טאַטן רבי חיים, אַז ס'איז אַמאָל געקומען צו איהם אין בית דין שטיבל אַ איד וואָס האָט זיך אָנגעהויבן לויבן און רימען ווי קלוג ער איז, און ער פאַרמאָגט אַ גרויסע פאַבריק אין שטאָט. ער האָט צוגעגעבן, אַז אַ טאָג פריער האָט אויסגעבראָכן אַ פייער אויף דער גאַס וואו עס געפינט זיך זיין פאַבריק, און איינע פון זיינע באַקאַנטע האָט זיך געוואָנדן צו איהם און געזאָגט, געב א קוק ווי דיין גאַנצע פאַבריק איז יעצט אין אַ גרויסע סכנה פאַרברענט צו ווערן ח"ו. איך בין אַלזאָ גרייט צו קויפן פון דיר די גאַנצע פאַבריק פאַר אַ העלפט פון איר ווערד. ער האָט אָבער נישט מסכים געווען עס צו פאַרקויפן. אויך ווען די פלאַמען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דערנענטערן צו די פאַבריק, און זיין ידיד האָט איהם אָנגעבאָטן עס אָפּצוקויפן פון איהם פאַר אַ פינפטל פון איר ווערד, האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן זיין 'אָנבאָט'.

ווען די פלאַמען האָבן זיך שוין דערנענטערט אַזוי שטאַרק אַז די דרויסנדיגע ווענט פון די פאַבריק האָבן שוין אָנגעהויבן שוואַרץ צו ווערן, האָט זיין ידיד זיך ווידעראַמאָל געוואָנדן צו איהם און אָנגעבאָטן צו קויפן די פאַבריק פאַר אַ צענטל פון איר ווערד, אָבער אויך דאַן האָט ער עס אָפּגעוואָרפן. אין דער לעצטער מינוט האָט פאַסירט אַ נס, און דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן איידער די פאַבריק איז אַרויף אין פלאַמען, און ער איז געבליבן מיט זיין גאַנצע פאַבריק... האָט רבי חיים געזאָגט צו דעם 'באַרימערישן' איד:

- וויסן זאָלסטו, אַז ס'איז נישט פאַרהאַן אַ גרעסערער טיפּש פון דיר, ווייל ווען דאָס פייער האָט אָנגעהויבן ברענען אויפ'ן ווינקל פון דער גאַס און מ'האָט דיר אָנגעבאָטן צו פאַרקויפן דיין פאַבריק פאַר אַ העלפט פון איר

מיט די גוים, און דורך דעם וועלן זיי קענען אויפשטעלן כלל ישראל בקדושה ובטהרה.

**משמרתי ותורותי - דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאָל טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן**

'וְאהי' עמך ואברכך וגו', עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצוותי חוקותי ותורותי' (כו, ג-ה).

טייטשט דער 'ספורנו', 'וישמור משמרתי' - ער האָט שטענדיג געמאַכט די 'משמרת' וואָס איז געאיינציגט פאַר מיר ('משמרתי'), און דאָס איז, צו טוהן חסד מיט אַנדערע מענטשן', אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהילים כה י) 'כל ארחות ה' חסד ואמת', און צו לערנען פאַר אַנדערע מענטשן דעם דרך פון באַשעפער. דאָס האָט ער געטוהן ווען ער האָט גערופן דעם אויבערשטען'ס נאָמען, און ער האָט אויך געהיטן 'מצותי, חוקותי ותורותי', עכ"ל.

---

וערד, האָסטו תיכף ומיד געדאַרפט מסכים זיין, ווייל די פאַבריק איז דאָך דאַן געווען אַסאַך ווייניגער ווערד... און אַוודאי שפּעטער, ווען די פלאַמען האָבן זיך שוין אָנגעכאַפּט אין די דרויסנדיגע ווענט פון דיין פאַבריק, וואָס דעמאָלס איז די פאַבריק שוין נישט ווערט געווען אַפילו איין פרוטה, און אויב דו האָסט נישט מסכים געווען עס צו פאַרקויפן, איז דאָס נישט אַ באַווייז אויף דיין גרויסע 'חכמה', נאָר פאַרקערט, אַז די ביזט אַ גרויסער 'טיפש'... נאָר פון די מעשה קענען מיר לערנען, **אַז אַפילו דער גרעסטער נאַר, אויב ס'איז נגזר געוואָרן אויף איהם פון הימל אַז ער זאָל פאַרבלייבן מיט זיין רייכטום, וועט אַזוי פאַסירן, ווייל קיין שום זאַך קען נישט פאַרמיידן דעם רצון פון באַשעפער.**

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל המעשה, אַ חשוב'ער יונגערמאַן וואָס ציהט זיין פרנסה פון דעם וואָס זיין בני בית פירט אָן מיט אַ 'קינדערגאַרטן', וואָס ברענגט זיי אַריין פיר טויזנט שקלים יעדן חודש.

ווען ס'איז געבוירן געוואָרן ביי זיי למזל טוב אַ טאָכטער, האָט די יולדת איבערגעגעבן איר 'קינדערגאַרטן' צו איינע פון אירע שכנות. זיי זענען אָבער געווען 'מסופק' לגבי דעם 'פקדון', אויב עס וועט אָהאַלטן צוויי חדשים, אָדער דריי... אינצווישן האָט דער יונגערמאַן זיך אָנגערופן צו זיינע בני בית: 'לאָמיר עס איבערגעבן פאַר די שכנ'טע אויף דריי חדשים, אַזוי ווי ס'איז דער סדר דאָ אין ארץ ישראל. פרנסה איז דאָך פון הימל' [וויבאַלד זיי האָבן נישט איינגעמאָלדן פאַר'ן שטייער אַמט וועגן די פרוי'ס חודש'ליכן איינקונפט, האָט זי נישט געקענט באַקומען 'אורלויב' צו ווערן געצאָלט פאַר די חדשים וואָס זי אַרבעט נישט צוליב איר קינד'ס געבורט].

צוויי טעג שפּעטער, האָט איינע פון זיינע שוואָגערס געזאָגט צו דעם יונגערמאַן:

- מיר זענען שוין שוואָגערס 15 יאָר, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט באַזוכט יום טוב ביי דיר אין הויז. היי יאָר (תשע"ח) איז מיר אויסגעקומען צו זיצן ביי דיר אין סוכה, און איך האָב באַמערקט הענגען אויף דער וואַנט, אַ בילד וואָס איז געמאָלן געוואָרן דורך איינעם פון דער באַקאַנטער באק משפחה אין ירושלים (דאָס בילד איז געמאָלן געוואָרן צענדליגער יאָרן פריער), וואָס דו האָסט בירושה פון דיין טאַטן'ס סוכה. (קיין איינער פון די ברידער, האָט נישט וואָלונטירט אַהיימצונעמען דאָס בילד נאָך די פטירה פון זייער פאָטער), אָבער יעצט איז מיר אונטערגעקומען אַ רייכער איד, וואָס איך וויל איהם שענקען אַ מתנה אַלס אַ 'הכרת הטוב'. איך האָב אָבער נישט באמת וואָס איהם צו געבן, ווייל עס פעלט איהם גאָרנישט... ער האָט, ברוך השם, פון אַלעם גוטן... דעריבער בעט איך פון דיר, דו זאָלסט מיר פאַרקויפן דעם 'אַנטיק'-בילד, און כ'וועל דיר צאָלן דערפאַר 12 טויזנט שקלים...

דער יונגערמאַן האָט געזעהן אין דעם די השגחה פרטית פון דעם באַשעפער, ווייל דאָס האָט איהם צוגעשטעלט די סומע וואָס האָט איהם געפעלט פון זיין קביעות'דיגע הכנסה. ער האָט אַלזאָ מסכים געווען, מיט'ן תנאַי אַז דער שוואָגער זאָל דערנאָך נישט טענה'ן אַז ס'איז אַ 'מקח טעות', אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן אַז דער פרייז וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, איז געווען איבערגעטריבן... ווייל ער האָט געזעהן אין דעם ידו של הקב"ה, צוצושטעלן פאַר איהם דאָס געלט וואָס ער באַקומט יעדן חודש.

**י.** ווען דער גאון רבי מאיר שפירא זצ"ל, לובלינער רב, האָט געגרינדעט זיין ישיבה 'חכמי לובלין', איז ער אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע שאַפן געלט פאַר זיין ישיבה ביי נדיבי עם. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַמעריקע אין חודש תשרי תרפ"ז.

פאַר שמחת תורה, איז זיין 'משמש' וואָס האָט איהם באַגלייט און באַדינט אין אַמעריקע, געוואָרן נישט געזונט ל"ע און ער איז געווען געצוואונגען צו בלייבן אין בעט. ווען רבי מאיר שפּירא איז צוריקגעקומען פון די 'הקפות' אין שול,

האָט ער געזעהן ווי זיין משמש ליגט אין בעט. מ'קען זיך פאָרשטעלן דעם געפיל וואָס דער משמש האָט געהאַט, צו דאַרפן ליגן אַליין שמחת תורה ביינאַכט אין בעט, אנשטאט צו זיין אין ביהמ"ד און זיך פרייען מיט אַנדערע אידן מיט די שמחה פון די תורה. האָט רבי מאיר שפירא אָנגעטוהן דעם טלית, און אָנגעהויבן זאָגן הויך אויפ'ן קול 'אתה הראית', ווי איינער וואָס שטייט פאַר'ן עמוד אין אַ פול-געפאַקטער שול... און ער האָט פאָרגעזעצט צו מאַכן די 'הקפות', טאַנצנדיג מיט התלהבות. אַלעס, מיט'ן ציל צו דערפרייען אַ צווייטן איד, און אַריינברענגען אין איהם אַ גוטן געפיל...

דער אמת איז, אַז רבי מאיר שפירא האָט נישט געדאַרפט האָבן אַ 'ספר תורה' צו טאַנצן דערמיט, ווייל אויסער דעם וואָס ער אַליין איז געווען אַ 'לעבעדיגע ספר תורה', איז דאָך **די מצוה פון גמילות חסדים ממש 'גופי תורה'...**

איי, ווער אַ מענטש זאָגן, ווי אַזוי קען איך זיך פירן מיט גוטע מידות מיט 'יענעם'... יענער איז דאָך אַ 'שלעכטער מענטש'... **דער אמת איז אבער, עס דאָס ווענדעט זיך נאָר אין דיר... אויב דו וועסט קוקן אויף איהם מיט אַ גוט אויג, וועט ער אויך קוקן אויף דיר מיט אַ גוט אויג...**

מ'דערציילט אַ ווערטל, איינער האָט געראָפן די לבנה צו אַ 'דין תורה', אַז די לבנה לויפט איהם לעצטענס נאָך אויף טריט און שריט, איבעראַל וואו ער ווענדעט זיך, גייט די לבנה איהם נאָך: רעכטס, לינקס, לינקס, רעכטס... און ווען ער בלייבט שטיין, בלייבט די לבנה אויך שטיין... ווען ער בייגט איין, טוט די לבנה זיך אויך אראפּבייגן צוזאַמען מיט איהם... אין קורצן, די לבנה לאָזט איהם נישט במנוחה... האָט דער דיין איהם געזאָגט: איך הער דיין טענה, אָבער איך קען דאָך נישט פסק'ענען ביז איך וועל נישט הערןביידע צדדים... דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט צוריקקומען אַהער אין בית דין שטיבל אין עטליכע טעג פון יעצט...

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער איד צוריקגעקומען אין בית דין, מיט די האָפענונג שוין צו הערן דעם פסק דין פונעם דיין. האָט דער דיין איהם געזאָגט:

- איך האָב גערעדט מיט די לבנה, און איר געפרעגט פאַרוואָס זי גייט דיר נאָך אויף טריט און שריט און מאַכט נאָך אַלעס וואָס דו טוסט... זי האָט אָבער גע'טענה'ט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט פון טוהן אַזוי, נאָר דו ביזט געווען דער וואָס האָט אָנגעהויבן... דו ביזט שולדיג אין אַלעם... אויב דו וועסט אויפהערן צו קוקן אויף איר און זיך מתבונן זיין אין איר שטענדיג, וועט זי אויך אויפהערן דיר נאָכצומאַכן... והמבין יבין.

ווען דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל איז אָנגעקומען אין ארץ ישראל, האָט ער זיך נישט אַראָפּגעבויגן אויף דער ערד צו קושן די ערד, כאָטש דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות מלכים פ"ה, ה"ט) **'גדולי החכמים היו מנשקין** על תחומי ארץ ישראל ומתגלגלין על עפרה' - די גרויסע חכמים פלעגן זיך אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד פון ארץ ישראל און עס קושן, און אַזוי זאָגט דער פסוק (תהלים קב, טו) 'כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו', ווייל מיט זיין עניוות, האָט ער זיך נישט באַטראַכט אַלס איינער פון די 'גדולי החכמים', אַז ער זאָל דאַרפן קושן די ערד...

פון דער אַנדערער זייט, האָט דער בריסקער רב שטאַרק מקפיד געווען אויף דעם וואָס דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות מתנות עניים פ"י, הט"ו) **'גדולי החכמים היו נותנים פרוטה לעני קודם כל תפילה**, ואחר כך מתפללין, שנאמר אני בצדק אחזה פניך'.

אַמאָל האָט זיין זון, הגאון רבי משולם דוד סאָלאָווייטשיק זצ"ל, ראש ישיבת בריסק, געפרעגט זיין טאַטן דעם בריסקער רב, פאַרוואָס ער טיילט צדקה פאַר'ן דאַווענען, כאָטש ער איז נישט - לויט זיין מיינונג -פון די 'גדולי החכמים'... פאַרוואָס איז ער ביי דעם יאָ מקפיד, און לגבי קושן די ערד פון ארץ ישראל, באַטראַכט ער זיך נישט אַלס איינע פון די 'גרויסע חכמים'?

האָט דער בריסקער רב געענטפערט רבי דוד'ן מיט אַ משל: אַ שטאָט האָט געזוכט אַ נייעם חזן, אָבער ס'איז זיי געגאַנגען זייער שווער צו געפינען עמיצן וואָס זאָל זיין פּאַסיג פאַר דעם פּאָסטן. איינער האָט געהאַט אַ זיס קול, אָבער ער האָט נישט פאַרמאָגט אַפילו אַ ברעקעלע יראת שמים. אַ צווייטער איז געווען אַ גרויסער ירא שמים, אָבער ער האָט נישט געהאַט אַ זיס קול. אַ דריטער, האָט געהאַט ביידע מעלות: ער איז געווען סיי אַ ירא שמים מרבים, און ער האָט אויך געהאַט אַ זיס קול. ער האָט אָבער נישט געקענט גוט 'עברי'.

אַלזאָ, וואָס האָבן די טובי הקהל געטוהן? זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז די ערשטע צוויי קענען זיי נישט אויפנעמען אַלס חזנים, ווייל אַ מענטש איז נישט אימשטאַנד צו ענדערן זיין קול. אויך יראת שמים, קען מען נישט פלוצלינג 'באַקומען'... פאַר דעם דריטן קאַנדידאַט, האָבן זיי אָבער יאָ געהאַט אַ עצה: מ'וועט פאַר איהם דינגען אַ גוטן 'מלמד', וואָס זאָל איהם אויסלערנען פונדאַסניי די כללים פון 'עברי'. זיי האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן געגעבן צייט זיך אויסצולערנען תורת הדקדוק, ביז זעקס וואָכן.

**פרעגט** דער 'ספורנו', פאַרוואָס געפינען מיר נאָר ביי יצחק אַז דער אויבערשטער האָט איהם געבענטשט אין זכות פון זיין טאַטן אברהם, און נישט אין זיין אייגענע זכות, אַזוי ווי אברהם און יעקב, וואָס זיי האָבן זוכה געווען געבענטשט צו ווערן פון דעם אויבערשטען אין זייער אייגענעם זכות?

**ענטפערט** דער 'ספורנו', אַז די דאָזיגע פסוקים זענען געזאָגט געוואָרן איידער יצחק אבינו ע"ה איז נתעורר געוואָרן צו זיין אַ מזכה את הרבים, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט אויסגערופן דעם אויבערשטען'ס נאָמען, זאָגט דער פסוק (כו, כו) 'ואבימלך הלך אליו מגרר', אבימלך איז איהם נאָכגעגאַנגען פון גרר, און זיינע מענטשן האָבן געזאָגט צו יצחק, 'ראה ראינו כי היה ה' עמך, אתה עתה ברוך ה'' (כו, כו-כט), און ער איז מער נישט גע'רודפ'ט געוואָרן פון די מענטשן וואָס האָבן געהאַט קנאה אויף איהם. אָבער פאַר יעקב, האָט דער אויבערשטער נישט געדאַרפט אָנהענגען אין דעם זכות פון די פריערדיגע, ווייל ער איז פון גאר אינגערהייט געווען א 'יושב אהלים', צו לערנען תורה מיט אַנדערע מענטשן, ספּעציעל אין די געצעלטן פון שם ועבר, ווי עס איז זיכער געקומען יעדער איינער וואָס האָט געזוכט דעם אויבערשטען, עכ"ד.

**לערנען** מיר פון דעם, אַז דער אויבערשטער וויל אַז זיינע באַשעפעניש זאָלן טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן, און דער מענטש וואָס טוט גוטס מיט אַנדערע מענטשן, איז אָנגעגרייט צו באַקומען ברכות און השפעות פון דעם אויבערשטען.

**אויף** די ווערטער פון פסוק 'וישמור משמרתי מצוותי חוקותי ותורותי', שרייבט דער רמב"ן ז"ל, אַז 'חוקותי' מיינט, צו גיין אין דעם אויבערשטען'ס וועגן, טוהן צדקה און משפט און באַפעלן זיינע קינדער און זיין שטוב אויך צו טוהן צדקה און משפט.

**פרעגט** דער גאון רבי שמעון שוואב זצ"ל (אין זיין ספר 'מעין בית השואבה'), פאַרוואָס ווערט די דאָזיגע הטבה אָנגערופן מיט'ן נאָמען 'חק'? דער ענין צו זיין אַ חנון און אַ רחום און טוהן צדקה און משפט מיט אַנדערע, איז דאָך אַ זאַך וואָס יעדער מענטש פאַרשטייט מיט זיין אייגענעם שכל אַז מ'דאַרף אַזוי טוהן.

**ענטפערט** רבי שמעון שוואב, אַז דאָס גייט אַרויף, אויף די אויבערשטען'ס וועגן צו זיין אַ 'חנון ורחום' אויך פאַר איינעם וואָס איז נישט ראוי דערצו, און דאָס איז נישט אַ זאַך וואָס דער מענטש קען פאַרשטיין מיט זיין אייגענעם שכל, נאָר עס איז ווי אַ 'חוק' - אַ געזעץ פון די וועגן פון דעם אויבערשטען צו טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן, און אַזוי האָט אברהם אבינו ע"ה געטוהן. אין דעם ענין, איז ער געגאַנגען אויף די וועגן פון דעם אויבערשטען.

**מיר** זענען מתפלל, אבינו אב הרחמן, 'כלה שעיר וחותנו', מיר זאָלן שוין זוכה זיין צו 'ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, והיה לה' המלוכה', במהרה בימינו אמן.

---

די זעקס וואָכן זענען פאַרביי געגאַנגען, אָבער דער איד האָט נאָך אַלץ נישט גוט געקענט 'עברי'. בלית ברירה, האָט מען אויפגענומען אַן אַנדערן מענטש אַלס חזן, און עטליכע וואָכן שפּעטער, איז געקומען דער דריטער און געזאָגט אַז ער קען שוין גוט לייענען 'עברי', און מ'דאַרף איהם דעריבער אויפנעמען אַלס חזן. האָבן די ראשי הקהל איהם געזאָגט אַז ס'איז פאַרפאַלן... עס האָט דאָך דיר געדויערט לענגער ווי מיר האָבן אָפּגעשמועסט, און דו ביזט נישט גרייט געווען, האָבן מיר געמוזט נעמען אַן אַנדערן חזן. מיט דיר קענען מיר יעצט שוין גאָרנישט מאַכן... האָט דער חזן זיי געזאָגט:

- נו, נו, אָבער וואָס וועל איך יעצט טוהן מיט די 'עברי', אַז איך האָב נישט מער דעם 'עמוד' צו לאָזן יעדן וויסן, אַז איך בין אַ 'יחיד מומחה', ביים לייענען לשון הקודש...

און דער בריסקער רב האָט אויסגעפירט זיין משל, זאָגנדיג צום זון, רבי דוד:

- וויבאַלד איך באַטראַכט זיך נישט אַלס איינע פון די 'גדולי החכמים', האָב איך נישט געקושט די ערד, און עס האָט גאָרנישט געשאַדט, ווייל דער אויבערשטער וועט שוין טרעפן אַנדערע אידן וואָס וועלן איר קושן... אָבער לגבי געבן אַ פּרוטה פאַר צדקה, וואָס וועט מען טוהן מיט דעם אָרימאַן?... ביי דעם וועל איך זיך ענדערש לאָזן באַצירן מיט'ן טיטול 'גדולי החכמים', ווייל פון דעם וועט דער אָרימאַן כאָטש פאַרדינען זיין נדבה...